בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת נִצָּבִים

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**דאס גרויסקייט און וויכטיגקייט פון לערנען א דף גמרא יעדן טאג.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ואתחנן, י"א מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער זאלסט לערנען יעדן טאג גמרא; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - דאך זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא.

גמרא פארברענט אלע קליפות, אזוי אויך אז מען לערנט גמרא ווערט ליכטיג פארן מענטש און אלע עבירות ווערן אויסגעמעקט.

א איד איז אמאל געקומען צום רבי'ן און זיך אויסגעגאסן פאר אים זיין הארץ אז ער פאלט אראפ אין עבירות און ער קען זיך נישט היטן די אויגן, האט אים דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תמז): "דו טו גוטס, און די שלעכטס וועט פון זיך אליינס אוועק פאלן"; ווייל מיט יעדע נקודה טובה וואס א איד טוט, צי ער לערנט, צי ער טוט צדקה אדער חסד וכו' וכו', פאלט דורכדעם אוועק אלע עבירות, בפרט אז מען לערנט א דף גמרא קען מען זיך נישט פארשטעלן וואס דאס טוט; עס פארברענט אלע קליפות וואס זענען באשאפן געווארן פון די עבירות און עס בלייבט נישט קיין זכר דערפון.

א מענטש קען זיך נישט שלאגן מיט די נסיונות וואס דער יצר הרע ברענגט אויף אים, נאר אז מען לערנט תורה קען מען זיך שלאגן מיטן יצר הרע, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין ל:): דער אייבערשטער זאגט פאר די אידן: "בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע, בָּרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", מיין קינד, איך האב באשאפן דעם יצר הרע, אבער איך האב באשאפן די הייליגע תורה וואס איז א מעדעצין קעגן דעם יצר הרע, "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה, אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אויב לערנסטו תורה וועסטו נישט האבן צוטון מיט אים, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה, אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אבער אויב לערנסטו נישט די תורה וועסטו זיין אונטער אים רחמנא לצלן.

איך ווארט צו הערן פון דיר.

...

~~~~~~~~~~

**איבער ווילדע קינדער; מלמד וואס טויג נישט; זיך דערהאלטן אין שוועריקייטן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ואתחנן, י"א מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.
~~~~~~~~~~

קודם כל בעט איך אייך איר זאלט זיך נישט צוריק האלטן פון שרייבן; איך בין טאקע פארנומען אבער ביי מיר איז זייער חשוב די וואס טוען פאר אנדערע אידן, איך וועל פראבירן צו מאכן צייט פאר אייך אין יעדן מצב.

איך וועל אייך ענטפערן לויטן סדר.

א. געלויבט דעם אייבערשטן אז איר האט געזונטע קינדער; קליינע קינדער שפרינגען און טאנצן - דאס איז זייער געזונטע טבע. ווי מער קינדער געבן זיך אויס אין זייערע יונגע יארן העלפט דאס זיי שפעטער זיי זאלן זיין קלוג און געזונט. נישט אלע קינדער זענען טאקע אייניג; איינער איז מער רואיג, דער צווייטער איז מער ווילד, דער דריטער זוכט ווי מען קען מאכן שפיצלעך וכו' וכו'.

דער הייליגער רבי זאגט (עיין שיחות הר"ן, סימן עז) אז מען קען זען אין שטוב צווישן די קינדער אן אפשפיגלונג פון אלע פעלקער; איין קינד איז גלייך צום טערק - ער זוכט זיך צו קריגן מיט יעדן איינעם; דער צווייטער איז גלייך צום רוס - ער מאכט שפיצלעך און שרייט: "איך טו גארנישט"; דער דריטער איז ווי דער אמעריקאנער - ער באלעבאטעוועט אויף אלעמען; דער פערדער איז ממש ווי שווייץ - ער קריגט זיך נישט מיט קיינעם, און אזוי ווייטער; נאכדעם קומען די עלטערן וואס זיי זענען ווי די יו-ען, זיי מאכן שלום און האלטן אלע קינדער ביי איין טיש.

א אידישע מאמע וואס האט אוועק געגעבן איר לעבן אויפצוציען קינדער גייט גלייך אריין אין גן עדן; די אלע נעכט וואס זי האט אוועק געגעבן פאר אירע קינדער, די אלע יארן וואס זי האט זיך אוועקגעגעבן פאר זיי - דאס איז שוין פאר איר כפרת עוונות און זי קומט ארויף ריין און הייליג צום כסא הכבוד.

זה הקטן גדול יהי'; ער וועט מיט אייבערשטנס הילף אויסוואקסן לשם ולתפארת. טראכטס נאר ביי אייך אין קאפ אז איר האדעוועט אויף א צדיק וואס וועט ליכטיג מאכן פאר כלל ישראל, וואלט איר דאך זיכער מסכים געווען אז ער זאל שפרינגען און טאנצן וויפיל ער וויל - אזוי אויך זאלט איר טראכטן אז אייער קינד וועט אם ירצה ה' זיין א גרויסער ערליכער איד א גרויסער תלמיד חכם, וועט עס זיין גרינגער פאר אייך.

ב. אז דער מלמד איז א קראנקער מענטש וואס טוט מעשי תועבה, און די מוסד טענה'ט אז ער טוט דאס נישט מיט קינדער וכו', זאלט איר ארויס נעמען אייער קינד פון יענעם מוסד און שיקן צו א צווייטע מוסד; ווייי פאר אונז אז דאס זענען די פירערס פון א מוסד, וואס האלטן א קראנקער מענטש פאר א מלמד! ווי מעג מען שיקן קינדער, ריינע נשמה'לעך, דעם אייבערשטענס קינדער - צו א מלמד וואס איז א שמוציגער מענטש?! דאס איז נישט קיין ברסלב'ע תלמוד תורה! זיי פאררופן זיך אויף ברסלב,

אבער דאס האט נישט מיט ברסלב, ווייל דער זעלבער רבי וואס איז דן לכף זכות אלעמען און האט אונז געהייסן דן זיין לכף זכות אפילו א רשע גמור (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רפב), אבער דער זעלבער רבי זאגט אונז (ספר המידות, אות ניאוף, חלק ב', סימן ח): "אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכָר", מען טאר נישט מלמד זכות זיין אויף א מענטש וואס טוט די עקעלדיגע עבירה.

ג. דאס וואס איר גייט אריבער מיט אייער מאן נרו יאיר וכו', עס נעמט פון אייך אסאך כוחות און איר שפירט ווי די כוחות לאזן זיך שוין אויס; איך בעט אייך זייער שטארק איר זאלט זיך דערהאלטן מיט אלע אייערע כוחות. דער זוהר הקדוש זאגט (הקדמה, ד.): יעדן טאג גייט ארויס א בת קול פון הימל וואס רופט אויס: "מָאן מִנְּכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא?" ווער פון אייך קען איבערדרייען און מאכן פון טונקל - ליכטיג, פון ביטער - זיס; "מָאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וכו'?" ווער ווארט יעדן טאג אז עס זאל ליכטיג ווערן - דער מענטש וועט האבן א חלק לעולם הבא; ווייל ווען א מענטש איז זוכה און ער מאכט פון זיין ביטער לעבן א זיס לעבן און פון זיין טונקלקייט - ליכטיג, ווייל ער ווייסט אז אין די טונקלקייט איז באהאלטן דער אייבערשטער און אין דער ביטערניש איז באהאלטן דער זיסער באשעפער - דער איז א צדיק און ער איז זוכה צו עולם הבא.

מיט דעם מעסט זיך דאס גרויסקייט פון א מענטש - ווען מען זעט ווי עס גייט אריבער אויף אים א שווערע צייט און ער ווענדט זיך צום אייבערשטן. מען האט אמאל געהערט ווי ר' מיכעלע זכרונו לברכה - אן אייניקל פון רבי נתן - זאגט תהילים, ווען ער איז אנגעקומען צו קאפיטל ל"ה: 'לְדָוִד רִיבָה ה' אֶת יְרִיבַי', האט מען געהערט ווי ער בעט זיך ביים אייבערשטן: "רבונו של עולם, קריג זיך פאר מיר; נעם זיך אן פאר מיר, 'אֱמֹר לְנַפְשִׁי - יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי', זאג מיר אייבערשטער אז דו האסט מיר ליב און דו וועסט מיר העלפן, איך בין אזוי צעבראכן"; דאס איז די גרעסטע זאך צו וואס א מענטש קען צוקומען - צו רעדן צום אייבערשטן בעת צרה און אים בעטן ער זאל געבן אביסל חיזוק.

וויסן זאלט איר אז פון הימל פרובירט מען אויס יעדן איינציגן מענטש מיט שווערע נסיונות, און מען וויל זען צו וועם דער מענטש וועט זיך ווענדן ווען ער האט זיין צרה; וואויל איז פאר דעם מענטש וואס קען אנגיין און נישט אויפגעבן אפילו ער שפירט ווי ער ווערט צעקראכט פון וואס עס גייט אויף אים אריבער אין לעבן.

עס האט זיך געלוינט צו מקורב ווערן צום רבי'ן נאר פאר דעם אליין - אז מיר זאלן וויסן פון די עצה פון התבודדות. ווייל ווען א מענטש געוואוינט זיך צו רעדן צום

אייבערשטן, וואס עס באדערט אים פארצייילט ער פארן אייבערשטן און וואס ער דארף בעט ער נאר פונעם אייבערשטן - אזא מענטש האט אן אנדערע סארט לעבן.

אסאך מאל טראכט איך: 'ווי אזוי לעבן מענטשן? ווי אזוי געבן זיך מענטשן אן עצה אינעם טאג טעגליכן לעבן אן די עצה פון התבודדות? מען קען דאך משוגע ווערן פון די שוועריקייטן וואס גייען דורך יעדן טאג אויף מענטשן?!'

אויף אות ד. וועל איך אייך ענטפערן אם ירצה ה' מארגן אדער אין א אנדערע געלעגנהייט.

איך דארף לויפן צו די בחורים.

נאכאמאל, איך בין טאקע זייער פארנומען אבער דאס מיינט נישט אז איר זאלט נישט שרייבן.

איר קענט ווייזן דעם בריוו פאר אייער מאן; על כל פנים דער חלק פון שיקן א ריינע קינד צו א מלמד וואס איז פארדארבן.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~~

**מ'דארף שיקן אין א גוטע חדר; יעדער מענטש האט זיין באשטימטע פלאץ**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ואתחנן, י"א מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האב מיך זייער געפריידט צו זען אייער בריוו וואו איר שרייבט אז איר האט זיך מחי' געווען מיט די בריוו וואס איך האב אייך געשריבן.

אלע בריוו וואס איך שרייב זענען נישט מיינע ווערטער, איך שרייב דאס וואס איך האב געהערט אלע יארן פון מוהרא"ש וואס האט אונז איבערגעגעבן דעם רבינ'ס ווערטער אזוי ווי עס שטייט און גייט; אן קיין דריידלעך, חכמה'לעך און פשעטלעך. איך פריי מיך אז איך קען עס ווייטער איבער געבן און מחי' זיין אידישע קינדער.

ברסלב איז נישט קיין פארטיי וואו מיר מוזן געהערן און דארט שיקן אונזערע קינדער; איך זאג שטענדיג פאר מיינע תלמידים: "אויב אייערע קינדער קומען אהיים פון אונזער חדר/מיידל שולע אן קיין אמונה, אדער אויב איר זעט אז די תלמוד תורה און סקול פירט זיך נישט אזוי ווי דער רבי האט געוואלט, זאלט איר אלע ארויס נעמען
~~~~~~~~~~~

די קינדער; מיר שיקן די קינדער אין ברסלב נישט ווייל מיר געהערן צו די פארטיי, נאר ווייל אין די מוסדות לערנט מען מיט די קינדער אמונה, יראת שמים און מידות טובות אזוי ווי דער רבי האט געוואלט".

דעריבער אז עס געפונען זיך דארט מלמדים וואס טוען מעשי תועבה, און די הנהלה מיט די רבנים וייסן דערפון און זיי ווילן נישט אוועק שיקן דעם מלמד, דאן זאלט איר ארויס נעמען אייערע קינדער פון דארט וואס שנעלער און זיי לייגן אין א ערליכע מוסד וואו עס געפונען זיך נאר ערליכע מלמדים; עס איז נישט ווערד זיך צו עקשנ'ען דוקא צו שיקן קיין ברסלב וכו'.

מוהרא"ש האט דערציילט אז עס איז געווען א איד וואס האט נישט געשיקט זיינע קינדער אין חדר ווייל עס איז נישט געווען דעמאלט קיין 'ברסלב'ע תלמוד תורה' און אלע זיינע קינדער זענען ארויס לתרבות רעה רחמנא לצלן.

אזוי אויך, אויב האדעוועט מען אויף קינדער מיט מחלוקת, מען פרעדיגט אין זיי שנאת חינם וועלן אלע קינדער ארויסגיין לתרבות רעה. זוכט א חדר וואס האט נישט קיין שייכות מיט מחלוקת, קנאה, שנאה און רשעות - דארט וועלן אייערע קינדער מצליח זיין.

דאס וואס איר שרייבט אז איר געפונט זיך נישט דאס פלאץ וכו'; וויסן זאלט איר אז יעדע זאך איז פונעם אייבערשטן - געגנט וואו א מענטש דארף וואוינען, וואו א מענטש דארף גיין און שטיין, און אזוי ווייטער.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (עיין שיחות הר"ן, סימן ג; אשר בנחל ח' תקע"ח): "גאט איז גרויס, גרויס, מען ווייסט גארנישט"; מיר ווייסן נישט דעם אייבערשטנ'ס דרכים. א מענטש קען צומאל טראכטן: 'פארוואס דארף איך וואוינען דוקא דא און דער וואוינט דארט?!' 'פארוואס האב איך חתונה געהאט מיט אזא איינעם?' 'פארוואס האב איך די סארט קינדער?' אויף די און אויף אלע פראגעס און קשיות איז דא איין תירוץ: "דער אייבערשטער פירט די וועלט".

א איד איז אמאל געקומען צום רבי'ן און אים דערציילט אז מען טראגט אים אן א שידוך וואס דער שידוך אליינס געפעלט אים זייער, אבער היות ער דארף גיין וואוינען דארט וכו' וויל ער נישט דעם שידוך ווייל ער וועט זיך נישט געפונען דארט דאס פלאץ. האט אים דער רבי געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן נו; שיחות הר"ן סימן קלט): "כְּשֶׁיֵּשׁ לְהָאָדָם לֵב אֵין שַׁיָּךְ אֶצְלוֹ מָקוֹם כְּלָל, כִּי אַדְּרַבָּא, הוּא מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם וְכוּ'"; א מענטש דארף צוקומען צו לעבן מיטן אייבערשטן, דעמאלט וועט אים גוט זיין וואו ער איז נאר, ווייל דער אייבערשטער איז איבעראל.

גלייבטס מיר, מען קען זיין פון דערווייטנס און מען איז פיל נענטער ווי די וואס דרייען זיך פון דער נאנט, און מען קען זיין נאנט און נישט האבן קיין שייכות וכו׳; דער עיקר איז אז די הארץ זאל זיין וואך.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט האבן כח צו אייערע קינדער און ווייטער קענען פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ׳ס דיבורים פאר אלע אידישע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון רבינ׳ס ראש השנה; די גרויסע סגולות פון משניות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ואתחנן, י״ב מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו קומסט קיין אומאן אויף ראש השנה; דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תה): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ ראשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּראשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי״, די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה, און דער אייבערשטער האט מיר דאס געגעבן פאר א מתנה; נישט נאר איר - מיינע תלמידים זענט תלוי אין מיין ראש השנה, נאר די גאנצע וועלט שטייט אויף מיין ראש השנה.

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר״ן סימן ת״ג): ״הָראשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל״, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, ״וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל ראשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה״, עס איז מיר א וואונדער פארוואס מיינע מענטשן וואס גלייבן אין מיר, זאלן נישט רעדן צו אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה, ״וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל ראשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל ראשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד״, דער רבי האט געהייסן מען זאל מאכן א כרוז, אז אלע זאלן קומען צו זיין ראש השנה. נאך האט דער רבי געזאגט: ״ווער עס קומט צו מיר אויף ראש השנה דארף זיין פריילך א גאנץ יאר״.

עס קאסט טאקע אסאך געלט די נסיעה צום רבי׳ן, ווער רעדט נאך אז מען פארט מיט אלע קינדער דעמאלט קאסט עס זייער אסאך געלט, אבער מען דארף זיך מאכן א
~~~~~~~~~~

חשבון, חכמינו זכרונם לברכה זאגן דאך (ביצה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים, חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה, שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", ראש השנה שרייבט מען אפ דעם בודשעט פונעם יאר; ביים רבי'ן קען מען אויסבעטן א גרעסערע פרנסה, און דער רבי צאלט צוריק די גאנצע שפעזן וואס עס קאסט צו קומען צו אים.

ראש השנה שרייבט מען אפ אלעס וואס וועט פאסירן מיטן מענטש און מיט זיין ווייב און קינדער, אזוי ווי מען זאגט ביים דאווענען: "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן - כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה"; און נאך מער ווי דאס וואס מען רעכנט אויס ליגט צווישן די ווערטער, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תסו): "ווען דער חזן זאגט "מִי... וּמִי..." איז מרומז אלעס וואס שטייט נישט אויסגערעכנט אינעם פיוט פון ונתנה תוקף"; פרעג איך דיר, אז מיר האבן א צדיק פון צוויי הונדערט יאר צוריק וואס האט געהייסן קומען צו אים, דארף מען מער פון דעם?! קוק נישט אויף קיינעם, שטארק דיר אויף אלע דיינע ספיקות ובלבולים, קויף שוין א טיקעט אז דו זאלסט קענען זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה.

זע צו זאגן פרקים משניות - דאס וועט דיר אויסוואשן פון אלע דיינע עבירות; מוהרא"ש זאגט: "עס איז נישט דא נאך אזא זאך וואס וואשט אויס די נשמה אזוי ווי משניות".

איך דארף אריין לויפן צו די בחורים, זיי ווארטן אויף מיר; איך וועל דיר נאך שרייבן מער באריכות וועגן דאס גרויסקייט פון רבינ'ס ראש השנה.

זיי געזונט.

...

~~~~~~~~~~~

**ארויסהעלפן וועגן א פאסיגער פלאץ פאר די סקול; ברוך ה' אז די מוסדות וואקסן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ואתחנן, י"ג מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

אויב דו ווייסט פון א פלאץ וואס מיר קענען דינגען פאר אונזער סקול "בית פיגא" פארן קומענדיגע יאר תשע"ט לפ"ק - זאלסטו מיר לאזן וויסן, אדער פאר די הנהלת
~~~~~~~~~~~

המוסד; מיר האבן נישט קיין פלאץ פאר די סקול און סקול הייבט זיך אן אין זעקס וואכן ארום.

איך בין נישט באזארגט קיין איין ברעקעלע וועגן א פלאץ; איך קוק צוריק ווי דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן און געברענגט ביז אהער, גולה אחר גולה זענען מיר געגאנגען, און געלויבט דעם אייבערשטן אז דאס איז יעצט אונזער דאגה - אז די מוסד ווערט גרעסער און גרעסער כן ירבו.

מיר האבן געעפענט די סקול אין א דירה קעגן איבער די ישיבה אין א בעיסמענט; איין כתה איז געווען אין שלאף שטוב, די צווייטע - אין קאך, אן קיין לופט און אן ליכטיגקייט וכו׳. ברוך השם מיר האבן געטראפן א פלאץ וואו מיר זענען געווען זעקס יאר, יעצט איז עס אויסגעוואקסן און מיר קענען נישט צוריק גיין; בעט איך דיר, אויב דו קענסט זיך פארבינדן מיט האברך ... נרו יאיר איבער א פלאץ וואו מיר קענען גיין, אז מיר זאלן קענען אנהייבן דעם קומענדיגן סקול יאר בשעה טובה ומוצלחת.

כאפ אריין א בלאט גמרא יעדן טאג, וועסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

צוגרייטן אויף אומאן, ארויסהעלפן די מוסדות.

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ואתחנן, י״ג מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך וויל דיר בעטן אויב דו קענסט באשטעלן ענוועלאפס פאר פדיון נפש אין אומאן; רעד צו האברך ... נרו יאיר ער זאל מאכן דערפאר א שיינע דיזיין. באשטעל עס שוין אז עס זאל זיין גרייט אויף ראש השנה; זייער אסאך מענטשן וואס קומען קיין אומאן האבן הנאה א גאנץ יאר פון די ישיבה, איז כדאי אז מען זאל האבן אין אומאן אפאר טישלעך וואו מען וועט קענען געבן צדקה פאר די ישיבה און פאר הדפסה וכו׳.

אויך דארף מען שוין אנגרייטן סידורים און זמירות׳לעך; רעד צו ... דערוועגן, ווייל ער האט דאס שוין געדרוקט. נעם פון אים די פיילס און דרוק עס איבער נאכאמאל.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר מיטן אויפשטעלן מוסדות וואו מיר וועלן מחנך זיין אונזערע קינדער מיטן הייליגן רבינ׳ס לימודים, און איך בעט דיר זאלסט בלייבן מיט מיר ביז דיין חתונה. נאך דיין חתונה זאלסטו מיר אויך העלפן, נאר דעמאלט וועסטו דארפן גיין מאכן פרנסה אויסצוהאלטן דיין שטוב וכו׳, אבער יעצט ווען דו האסט נאך נישט דעם עול הפרנסה בלייב׳זשע דא אין ישיבה מיר העלפן ווייטער
~~~~~~~~~~

מיט וואס דו קענסט מיר העלפן, און בזכות דעם וואס דו העלפסט מיר אויפשטעלן די מוסדות - סיי די חדר און סיי די מיידל שולע, מוסדות וואו מען ברענגט אויף קינדער מיט אמונה, אמונת חכמים און יראת שמים, וועסטו זוכה זיין צו עסן די שכר אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

געדענק וואס שלמה המלך זאגט (משלי יג, כ): ״הוֹלֵךְ אֶת חֲכָמִים יֶחְכָּם״, ווער עס גייט צו ערליכע אידן ווערט קלוג, ״וְרֹעֶה כְסִילִים יֵרוֹעַ״, און ווער עס דריידט זיך מיט נאראנים וועט ביים סוף צעבראכן ווערן; אז מען דריידט זיך מיט אינגעלייט און בחורים וואס זייער גאנצע לעבן איז התחזקות און דיבורים פון רבי׳ן וועט מען קלוג ווערן, אבער אז מען דריידט זיך מיט לצים ווערט מען פאר׳מיאוס׳ט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**א מאן איז מחזק מענער, און א פרוי איז מחזק פרויען.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ואתחנן, י״ג מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך פריי מיך זייער צו הערן פון דיר און איך פריי מיך צו הערן אז דו לערנסט תורה יעדן טאג און דו האסט זוכה געווען מסיים צו זיין נאכאמאל ששה סדרי משנה. וויסן זאלסטו אז ״משנה״ באטרעפט וויפיל ״פרנסה״; אז מען לערנט משניות איז מען זוכה צו האבן פרנסה בשפע.

דו האסט מיר פארציילט אז דו פראוועסט די שבת סעודות אין א היים פאר מיידלעך וואס זענען נעבעך אריין געפאלן מיט דראגס און מען ברענגט זיי צוריק וכו׳; וויל איך דיר זייער בעטן דו זאלסט אכטונג געבן נישט צו ווערן אריין גערעדט אין די מצוה פון מחזק זיין מיידלעך ווייל דאס קען זיך ענדיגן זייער ביטער.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן אונז (בראשית רבה פד, ד): ״אַבְרָהָם הָיָה מְגַיֵּר אֶת הָאֲנָשִׁים וְשָׂרָה מְגַיֶּרֶת אֶת הַנָּשִׁים״, אברהם אבינו האט מגייר געווען מענער און שרה אמינו האט מגייר געווען פרויען; וויסן זאלסטו אז די הייליגע חכמים זאגן (כתובות יג:): ״אֵין אַפּוֹטְרוֹפּוּס לַעֲרָיוֹת״, קיינער קען נישט זיין געשטעלט צו ארבעטן מיט פרויען אפילו דער גרעסטער צדיק, ווייל עס איז נישט דא קיין אפוטרופס אויף דעם; אזוי ווערט גע׳פסק׳ט אין שולחן ערוך (אבן העזר סימן כב, סעיף טו) און עס איז נישט דא קיינער וואס קריגט אויף דעם.
~~~~~~~~~~~

דערפאר בעט איך דיר זייער: געב דיר אכטונג, לאז דיין ווייב רעדן מיט זיי; זאג איר זי זאל שמועסן מיט זיי פון אמונה, ווייל אמונה ווערטער איז געמאכט פאר אלעמען - נישט קיין חילוק אין וואספארא מצב דער מענטש געפונט זיך, מה שאין כן מוסר קען מען נישט זאגן פאר יעדן. דעריבער אז דיין ווייב ארבעט מיט מיידלעך וואס זענען נעבעך אראפ געפאלן אין נעמען דראגס און מען ברענגט זיי יעצט צוריק, דארפן אלע ווערטער וואס מען רעדט צו זיי זיין נאר פאזעטיוו און נאר פון אמונה.

דו זאלסט זיצן שבת אין שול און לערנען דיינע שיעורים כסדרן, חומש, משניות און תהילים; דו זאלסט זיי נישט מחזק זיין, ווייל עס וועט זיך אויסלאזן נישט גוט.

איך האף אז דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער אויף א גוטע וועג; איך וויל נישט דא גארנישט - נאר דיר ראטעווען דו זאלסט נישט פארלירן די וועלט און יענע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~ ~

**צו א ווייב דארף מען רעדן שיין און ווייך.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ואתחנן, י״ג מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב גערעדט מיט דיין ווייב תחי׳ און זי איז זיך גרייט צו העלפן; זי ווייסט אז זי האט א פראבלעם וכו׳, אבער זי בעט זיך אז דו זאלסט נישט זיין אזוי שארף צו איר. זי וויל אז דו זאלסט איר העלפן, דו זאלסט רעדן צו איר ווייעך און דו זאלסט רחמנות האבן אויף איר.

קלאפ איר נישט אראפ פיר און צוואנציג שעה א טאג מיט די זעלבע ווערטער: ״ביסט משוגע״, ״ביסט א פראבלעם״, ווייל פון דעם אליינס קען מען משוגע ווערן און ווערן א פראבלעם. טאג און נאכט זינגסטו איר: ״קענסט דיר גיין״; ״ביסט א פראבלעם״; ״דו האסט מיט די נערוון״; זאל א מענטש זיין געזונט און שטארק - אויב איינער וועט אים זינגען א גאנצן טאג: ״ביסט משוגע״; ״ביסט א פראבלעם״; ״האסט מיט די נערוון״, קען דאס צוברענגען מען זאל כאפן א נערוון בראך, כל שכן א מענטש וואס האט טאקע שוואכע נערוון וועט דאך זיכער זיינע נערוון שוואכער ווערן ווען מען האלט אים אין איין אראפ קלאפן.

איך בעט דיר מיין טייערער ליבער..., געב אכטונג אויף דיין ווייב תחי׳; דער רבי האט אונז געהייסן מכבד זיין די ווייב, דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן סט): ״עִיקָר
~~~~~~~~~

הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דער עיקר עשירות קומט בזכות וואס מען איז מכבד די ווייב; אז דו וועסט פריילעך מאכן דיין ווייב וועסטו זוכה זיין צו האבן גרויס עשירות.

איך ווארט צו הערן פון דיר.

...

~~~~~~~~~~~

**דיין שידוך וועט אנקומען, לאז יענעם האבן דעם דזשאב.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ואתחנן, י"ג מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות און פארליר נישט דיין אמונה אפילו פאר איין רגע צו האבן חס ושלום קשיות אויפן אייבערשטן פארוואס דיין שידוך איז נאך נישט אנגעקומען, נאך אזוי פיל תפילה והתבודדות, הונדערטער שעות לימוד התורה און אלע סגולות פון צדיקים.

איך בעט דיר טייערער ... נרו יאיר: האב נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן; מיר ווייסן גארנישט, מיר ווייסן נאר איין זאך - אז מיר ווייסן גארנישט, "תַּכְלִית הַיְדִיעָה - אֲשֶׁר לֹא נֵדַע", דער תכלית איז אויף דער וועלט מען זאל צוקומען צו דעם וויסנשאפט אז מען ווייסט גארנישט.

רבי נתן זאגט (חיי מוהר"ן, סימן סז; רפג) אז דער "איני יודע" פון הייליגן רבי'ן איז געווען דער גרעסטער חידוש, מער פון וואס דער רבי האט יא געוואוסט, עיין שם; ווייל ווען א מענטש "ווייסט גארנישט" דאס ווייזט אז דער מענטש איז בטל ומבוטל צום אייבערשטן, ער וויל גארנישט - נאר וואס דער אייבערשטער וויל, דערפאר איז ביי אים אלעס גוט, ווייל ער איז ביי זיך גארנישט, ער האט גארנישט און דארף גארנישט - נאר דעם אייבערשטן.

בנוגע דיין דזשאב וואס דו האסט באקומען, אבער יעצט זאגט מען דיר אז דער וואס האט זיך אפגעזאגט פון דעם פאסטן וכו' וויל צוריק זיין דזשאב, און דו ווילסט וויסן וואס צו טון; על פי הלכה דארפסטו נישט אפטרעטן פאר אים, אבער היות דו דארפסט נאך נישט מפרנס זיין א משפחה, דו קענסט נאך ביז דערווייל זיצן אין ישיבה, ווידעראום יענער איז א אינגערמאן וואס דארף מפרנס זיין א ווייב און קינדער, און אז ער וועט נישט האבן קיין פרנסה קען ער אלעס פארלירן - זיין ווייב און קינדער וכו', ממילא זאלסטו אים לאזן צוריק נעמען זיין פאסטן, און דער אייבערשטער וועט דיר געבן א גרינגערע וועג צו מאכן געלט.
~~~~~~~~~~~

איך בעט פאר דיר יעדן טאג דו זאלסט זוכה זיין צו טרעפן דיין זיווג בקרוב ובנקל.

...

~~~~~~~~~~

**מיט'ן העלפן אידן איז מען זוכה צו נחת פון די קינדער, וועלכע טריפס צו גיין.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ואתחנן, י"ג מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי', מנהלת בית חינוך לבנות "בית פיגא" ברסלב.**

מזל טוב פאר אייער זון'ס אפשערן; דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זען אסאך נחת ביי אייערע קינדער אין דעם זכות וואס איר געבט זיך אוועק טאג און נאכט פאר אונזערע טעכטער אז זיי זאלן אויפוואקסן אזוי ווי דער רבי האט געוואלט.

עס ווערט געברענגט פונעם בארדיובער רב זכר צדיק לברכה, א תלמיד פונעם הייליגן חתם סופר זכותו יגן עלינו (אין די הקדמה פון זיין ספר דברי אברהם [הקדמת נכד המחבר]) אז ער איז אמאל אריין צו זיין רבי'ן דער חתם סופר זי"ע און געזען אז ער איז זייער צוטראגן, האט ער אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי צוטראגן, האט זיך דער חתם סופר אויסגערעדט פאר אים: "איך בין רב אין שטאט און איך האב א ישיבה; איך דארף געבן שיעורים פאר די בחורים, איך דארף שרייבן תשובות, און איך האב נישט קיין צייט זיך אומצוקוקן אויף מיינע קינדער, עס איז שוין דריי וואכן וואס איך קום נישט אן צו פארהערן מיין זון שמעון (רבי שמעון סופר)", שרייבט ער, אז ער האט געבעטן פון זיין רבי'ן רשות צו זאגן א דבר תורה, עס שטייט אין פסוק (תהלים לז, כו): "כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה, וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה", דער צדיק בארגט א גאנצן טאג פאר אנדערע און זיינע קינדער ווערן געבענטש, לכאורה - איז דען דער צדיק אזא גרויסער עושר?! ער האט א באנק? ער האט אזוי סאך געלט צו קענען בארגן א גאנצע טאג פאר מענטשן?! זאגט ער - ניין, דער צדיק האט טאקע נישט קיין גרויס פרנסה, אבער וואס טוט ער יא? ער בארגט אוועק זיין גאנצע 'טאג' פאר אידישע קינדער, "כָּל הַיּוֹם" - זיין גאנצע טאג, "חוֹנֵן וּמַלְוֶה" - געבט ער אוועק פאר אנדערע. דארף מען פארשטיין, אז ער געבט אוועק זיין גאנצע טאג פאר אנדערע, וואס וועט זיין מיט זיינע קינדער? פירט דער פסוק אויס: אין דעם זכות וואס ער איז "כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה" - "וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה", וועט אים דער אייבערשטער בענטשן מיט גוטע קינדער; אז דו טוסט פארן אייבערשטנ'ס וועגן וועט דער אייבערשטער דיר באצאלן.

האט ער געזאגט פארן הייליגן חתם סופר: דער רבי איז דאך "כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה", דעם גאנצן טאג געבט דער רבי אוועק פארן ציבור, ממילא "וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה",
~~~~~~~~~~

וועלן געבענטש ווערן דעם רבינ'ס קינדער. דער פנים פונעם חתם סופר האט אויפגעלאכטן הערנדיג די טרעפליכע ווערטער און ער האט עס אנגענומען. ביי שלש סעודות האט ער איבערגעזאגט ברבים דער ווארט בשם זיין תלמיד.

זעט מען אז ווען מען טוט פאר א צווייטן העלפט דער אייבערשטער מען זאל האבן הצלחה מיט די אייגענע קינדער.

בנוגע פארן מיט מיידלעך צו טריפס; איר ווייסט דאך אז מוהרא"ש האט נישט געהאלטן פון ארויס נעמען קינדער אויף לאנגע טריפס. מוהרא"ש שרייבט פאר די מנהלת פון בית פיגא אין יבניאל אז מען זאל נעמען די מיידלעך נאר צו מקומות הקדושים און אויפן וועג זיך אפשטעלן אין א פארק וכו' אבער נישט גיין אויף סכנה'דיגע טריפס.

דער הייליגער סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו פלעגט צו פאסטן אין א טאג וואס די קינדער פון קעמפ זענען געפארן צו א טריפ, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי ברכות פרק ד, הלכה ד): "כָּל הַדְּרָכִים בְּחֶזְקַת סַכָּנָה", ווען מען פארט אויף א וועג איז מען אין א סכנה; מה שאין כן אויב מען פארט צו א הייליגע פלאץ איז מען אפגעהיטן ווייל (פסחים ח.) "שְׁלוּחֵי מִצְוָה אֵינָן נִיזוֹקִין"; דערפאר אז מען פארט צו א ציון פון א צדיק מתפלל זיין איז מען במשך די גאנצע נסיעה אפגעהיטן פון שלעכטס, אבער סתם ארויס נעמען די קינדער צו ווייטע נסיעות, ווער רעדט נאך ביינאכט וכו', איז זיכער נישט קיין לכתחילה'דיגע זאך.

זיער גוט האט איר געטון אז איר האט גענומען די מיידלעך די וואך קיין קרית יואל צום ציון פון הייליגן סאטמארער רבי זי"ע זיי זאלן דארט מתפלל זיין; הגם עס זענען דא וואס זאגן אז פרויען זאלן נישט גיין אויף א בית החיים וכו', דאס איז סתם אזוי ווען מען גייט צו א בית החיים - איז נישט כדאי אז פרויען זאלן גיין, אבער צו קברי צדיקים איז נישט קיין שום פראבלעם. אדרבה, וואויל איז פאר א פרוי וואס קען גיין צו א ציון פון א צדיק; צו א ציון פון א צדיק קען מען גיין אלעמאל נישט קיין חילוק אין וואסערע זמנים וכו'.

דעריבער פריי איך מיר אז איר האט זיי גענומען צו קברי צדיקים; דאס איז אונזער זאך - מחנך זיין קינדער מיט אמונת חכמים, זיי זאלן אויפוואקסן מיט תפילה, זיי זאלן אלעמאל וויסן אז אויב זיי וועלן דארפן א ישועה זאלן זיי גיין צו קברי צדיקים מתפלל זיין. דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ"; דערפאר איז

א גרויסע זאך צו גיין מתפלל זיין ביי קברי צדיקים, ווייל דארט איז א פלאץ וואס די תפילות גייען ארויף אין הימל, אפילו ווען דער מענטש איז נישט ראוי.

אז מען וועט זיי ברענגען אין קעמפ א באלאן מיט וואסער צו טאנצן אויף דעם וועלן זיי זיין פרייליך און צופרידן; עס פעלט נישט אויס מער פון דעם. בפרט די מיידלעך וואס זענען אלץ געווען ביי אונז אין קעמפ, וואס דארף מען זיי עפענען די אויגן צו נישט וויכטיגע זאכן?

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין אויפצוברענגען אונזערע קינדער בקדושה וטהרה.

...

~~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר'ן ארויסהעלפן פאר די סקול.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ואתחנן, י"ג מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך פריי זיך זייער צו הערן אז איר גייט אונז העלפן אינעם מיידל סקול "בית פיגא" דעם קומענדיגן יאר תשע"ט לפרט קטן; איר גייט צושטעלן פאר די טיטשערס וואס און וויפיל צו לערנען יעדע וואך, אז די קינדער זאלן קענען שרייבן, שפראך און רעכענען אזוי ווי עס דארף צו זיין - די מנהלת מרת ... תחי' זאגט אז איר זענט געאייגנט אויף דעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע טעכטער אויפן וועג ווי אזוי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידישע מאמעס.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס דער רבי באצאלט פאר ווער עס העלפט אים; דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שיד): "הַפָּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד", דער קלענסטער פון מיינע מענטשן קען איך צוברענגען צו די מדריגה פון גרויסע צדיקים, "וִיקַנֵּא מְאֹד אֶת הַמְקֹרָבִים אֵלָיו", און אלע וועלן מקנא זיין מיינע מקורבים, "מִכָּל שֶׁכֵּן אֶת מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהוֹשִׁיט לוֹ וְכוּ'", בפרט די וואס העלפן מיר אפילו נאר מיט ברענגען פייער וכו' (עיין בהשמטות); זעט מען פון דעם וואס דער רבי צאלט צוריק פאר די וואס העלפן אים.

איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן פאר אלע מיינע תלמידים זיי זאלן מצליח זיין, ובפרט די וואס העלפן מיר אויפשטעלן די מוסדות פאר אונזערע קינדער אז זיי
~~~~~~~~~~~

זאלן אויפוואקסן מיט א ריינע אמונה אינעם אייבערשטן און מיט א ליבשאפט צו אידישקייט - פאר די אלע בעט איך זייער אסאך אז זיי זאלן האבן הצלחה און אלעס וואס זיי דארפן.

געבט א קוק די מיידלעך וואס לערנען ביי אונז אין סקול; ביי זיי איז צניעות א שטאלץ און א שיינקייט. זיי ווילן דאס ווייל זיי ווילן טון וואס דער אייבערשטער הייסט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**אנהאלטן צו מתפלל זיין אפילו מען זעט נאכנישט די ישועה; זיין ברייטהארציג אין שטוב און געבן פאר די ווייב מיט א גוט הארץ; די עצה אויב מען פארדינט נישט גענוג צו דעקן די הוצאות; די שפע וואס קומט דורך דאווענען מיט מנין.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ואתחנן, י"ד מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

יעדע זאך וואס מען וויל פועל'ן מיט תפילה האט א סכום וויפיל תפילה עס פאדערט זיך אויף דעם. אזוי ווי מיר געפונען ביי משה רבינו אז ער האט געבעטן פונעם אייבערשטן ער זאל זוכה זיין אריין צו גיין קיין ארץ ישראל, זאגן חכמינו זכרונם לברכה (דברים רבה יא, י) אז ער האט געבעטן פינף הונדערט און פיפצן תפילות, אזוי פיל וויפיל דאסווארט 'ואתחנן' באטרעפט, און ווען ער וואלט געבעטן נאך איין תפילה וואלט ער זוכה געווען אריין צו גיין קיין ארץ ישראל, אבער דער אייבערשטער האט אים געזאגט (דברים ג, כו): "רַב לָךְ, אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה", בעט נישט מער אויף דעם.

אסאך מאל הערט מען אויף מתפלל זיין ווען מען זעט נישט ווי עס העלפט, דארף מען וויסן אז באמת ווערט יעדע תפילה אוועקגעלייגט ביים אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ב): "וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִילּוֹת הֵם לָרִיק", עס זענען דא מענטשן וואס זענען זיך טועה, זיי מיינען אז אלע תפילות וואס מען בעט גייט צו די לופט, "אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, אֶלָּא סַלְקִינָן וַאֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן, הַיְנוּ כָּל הַתְּפִילּוֹת סַלְקִינָן וְעוֹלִין", אבער עס איז נישט אזוי, אלע תפילות גייען ארויף אויבן צום אייבערשטן, נאר יעדע זאך האט א פרייז וויפיל תפילות מען דארף מאכן פאר דעם ביז מען איז זוכה צו די ישועה.
~~~~~~~~~~

שטארק דיר און זיי ממשיך צו דאווענען וועסטו זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מיט דיר מאכן; דו וועסט זוכה זיין ארויסצוקריכן פון אלע דיינע חובות און דו וועסט האבן גרויס שפע.

זע צו געבן פאר דיין ווייב געלט און זיי נישט קארג אין שטוב; אז מען האט נישט קיין געלט גייט מען נאך געלט, עס איז נישט דא אזא זאך ווי לאזן א ווייב הונגערן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תמורה טז.): "אִשָּׁה כֵּיוָן שֶׁאֵין לָהּ תְּבוּאָה בְּתוֹךְ בֵּיתָהּ מִיָּד צוֹעֶקֶת", אויב עס איז נישט דא קיין עסן אין שטוב הייבט גלייך די ווייב אן צו שרייען; עס איז דיין אחריות אז עס זאל זיין וואס צו עסן אין שטוב און זיי נישט קיין קמצן אויף איר חשבון, ווייל אז דו וועסט זיך שטעלן אויף יעדע עסן און איר משוגע מאכן: "דאס פעלט אויס?" "יענץ פעלט אויס?" - וועסטו אלעס פארלירן.

אז דו פלאגסט זיך און דו קענסט נישט דעקן דיינע הוצאות - זאלסטו גיין נאך געלט; מוהרא"ש פלעגט אונז שטענדיג מזהיר זיין אז אויב מען וויל נישט פושט רגל זיין (באנקראטירן) זאל מען פושט יד זיין, מען זאל אויס שטרעקן די הענט און גיין נאך געלט; עס איז נישט דא אזא זאך ווי נישט אהיים ברענגען געלט, האסט חתונה געהאט, האסט אונטערגעשריבן אין די כתובה: "אֲנָא אֵיזַן, וְאוֹקִיר, וְאֶפְלַח לֵכִי", איך וועל דיר שפייזן וכו' - דארפסטו דאס מקיים זיין.

גיי אין שול דאווענען דריי מאל א טאג שחרית מנחה און מעריב מיט מנין וועסטו האבן גרויס שפע.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**מנהגים ביים אפשערן א קינד, ווי אזוי מען קריגט גוטע קינדער.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ואתחנן, י"ד מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו קענסט אפשערן פרייטאג אדער זונטאג - ווען עס קומט דיר אויס גרינגער.

מען פירט זיך אז אינעם טאג וואס מען שערט אפ א קינד, מען מאכט אים די הייליגע פיאות - זאל דאס קינד זיין אפגעהיטן פון קוקן אויף שלעכטע זאכן, דארפאר וויקלט מען אים איין אין א טלית ווען מען טראגט אים אין חדר לעקן די האניג, כדי ער
~~~~~~~~~~~

זאל נישט זען קיין שלעכטע זאכן, אזוי אויך האלט מען אים אין שטוב א גאנצן טאג אז ער זאל זיין אפגעהיטן פון שלעכטע זאכן.

געדענק: ״גוטע קינדער וואקסן נישט אויפן בוים״; כדי זוכה זיין צו גוטע קינדער דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן. דער הייליגער חתם סופר זכותו יגן עלינו האט געזאגט: ״ווי אזוי האב איך זוכה געווען צו גוטע קינדער? יעדע נאכט בשעת איך האב געזאגט תיקון חצות האב איך געוויינט צום אייבערשטן אויף גוטע קינדער, איך האב אנגעפילט א כוס מיט מיינע טרערן און געבעטן פאר גוטע קינדער״.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע דיינע קינדער צוזאמען מיט דיין ווייב געזונטערהייט.

...

~~~~~~~~~~~

**מ׳דארף זיך שוין גרייטן אויף די תפלות פון ראש השנה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת ואתחנן, י״ד מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך שפיר זיך גוט; היינט אינדערפרי אינמיטן פארלערנען דעם גמרא שיעור האב איך זיך נישט גוט געשפירט און איך האב נישט געקענט ממשיך זיין מיט די שיעור, אבער ברוך ה׳ אז איך שפיר זיך שוין גוט.

יעדע מינוט וואס מען אטעמט דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה יד, ט): ״עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה שֶׁאָדָם נוֹשֵׁם צָרִיךְ לְקַלֵּס לַבּוֹרֵא, מַה טַּעַם (תהלים קנ, ו): כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, כָּל הַנְּשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ״, אויף יעדע אטעם וואס מען אטעמט דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן; וואס איז שוין דער גאנצער מענטש? ממילא ווי לאנג מען לעבט דארף מען אריין כאפן גוטע זאכן.

איך וויל דיר בעטן אויב דו קענסט זיך שוין אנגרייטן צו חזר׳ן דעם נוסח פונעם ראש השנה׳דיגן דאווענען; מיטן הילף פונעם אייבערשטן וועל איך דאס יאר זיין דער שליח ציבור פאר שחרית און - ווי עס זעט אויס - אויך פאר מוסף, אזוי ווי מוהרא״ש האט מיר שוין פאראויס געזאגט. איך האף אז דו וועסט מיר העלפן דאווענען אזוי ווי אלע יארן; געדענקסט דאך וואספארא תענוג מוהרא״ש האט געהאט פונעם דאווענען. דעריבער, אז מיר וועלן זיך האלטן צוזאמען אן מחלוקת וועט זיכער מוהרא״ש ווייטער הנאה האבן פון אונז.
~~~~~~~~~~~

זיי מתפלל פאר מיר איך זאל האבן כח ווייטער אנצוגיין מיט די ישיבה, תלמוד תורה, מיידל סקול און אזוי ווייטער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**דו ביסט קיינמאל נישט אליין, דער אייבערשטער איז מיט דיר אלעמאל.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת ואתחנן, י״ד מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן פון דיר אז דו שטארקסט זיך מיטן הייליגן רבינ׳ס ספרים.

וויסן זאלסטו אז דער הייליגער רבי האט אנגעהויבן דינען דעם אייבערשטן ווען ער איז געווען א קליינער אינגל, דער רבי האט אמאל פארציילט ווי אזוי האט ער זוכה געווען אנצוהייבן דינען דעם אייבערשטן; ווען די תלמידים פון הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו פלעגן קומען קיין מעזיבוז צום ציון פון זייער רבי, פלעגן זיי אריין גיין אין הויז פון בעל שם טוב און זיך דערמאנען די צייטן וואס זיי פלעגן זיין ביים בעל שם טוב; דער רבי איז געווען א קליין אינגל דעמאלט און ער פלעגט זיך אונטער הערן די שמועסן פון די קדושי עליון, איינמאל האט דער רבי געהערט די מעשה ווי אזוי דער בעל שם טוב איז געבוירן געווארן, אז זיין מאמע שרה איז געווען זייער אלט בשעת זי האט געבוירן דעם בעל שם טוב און זי איז גלייך דערויף נפטר געווארן, ווען דער בעל שם טוב איז אלט געווען פינף יאר האט אים זיין טאטע צוגערופן און אים געזאגט בזה הלשון: **״ישראליק, איך גיי יעצט אוועק פון דער וועלט כדרך כל הארץ, איך בעט דיר זאלסט נישט מורא האבן פון קיינעם! דו ביסט נישט אליין; דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר״, אזוי איז נפטר געווארן דער בעל שם טוב׳ס טאטע.**

דער בעל שם טוב איז אלט געווען פינף יאר און איז געווען איינער אליינס אין א גרויסע וועלט - אן א טאטע און אן א מאמע, ער האט אבער שטענדיג געדענקט זיין טאטע׳ס לעצטע ווערטער: **״ישראליק, זאלסט נישט מורא האבן פון קיינעם! דו ביסט נישט אליין; דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר״**, אזוי איז ער אויף געוואקסן, און וואס ער האט נאר געדארפט האט ער געבעטן דעם אייבערשטן.
~~~~~~~~~~

די מעשה האט דער הייליגער רבי געהערט ווען ער איז נאך געווען א קליין אינגל; גלייך ווען דער רבי האט געהערט די מעשה איז אריין אין אים א מורא'דיגע חשק צו ווערן א צדיק, ער האט אנגעפאנגען טראכטן: "געוואלד! איך וויל אויך זיין א צדיק! אפשר אז איך וועל דאס נאכטון און אנהייבן רעדן צום אייבערשטן וועל איך אויך ווערן א צדיק"; דער רבי איז גלייך ארויס פון שטוב און געגאנגען צום ציון פון בעל שם טוב וואו ער האט געוויינט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, איך וויל זיין א צדיק", "איך וויל זיין אן ערליכער איד וכו'"; ביז דער רבי האט זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען.

טייערער ... נרו יאיר, דאס זאלסטו שטענדיג געדענקען: "דו ביסט נישט אליינס! דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר"; רעד צו אים און בעט אים אלעס וואס דו דארפסט.

זע צו זאגן יעדן טאג תהילים, וועסטו זוכה זיין צו א גוט לעבן.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי אויפצונעמען "שבת נחמו"; די גרויסע גליק פון זיין א תלמיד "היכל הקודש"; זיך נישט לאזן פונעם ס"מ וואס וויל נישט מיר זאלן זיין פרייליך שבת.**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק פרשת ואתחנן-נחמו, חמשה עשר באב, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

דער וואך שבת איז זייער א גרויסער שבת, דער אייבערשטער טרייסט אונז אידישע קינדער, אזוי ווי דער פסוק זאגט (ישעיהו מ, א): "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי", טרייסט דיך טרייסט דיך מיין פאלק.

מוהרא"ש זאגט, מיר זאלן זיך פארשטעלן אז מיר זענען אריבער א שווערע צרה, נישט סתם א צרה, נאר גאר א שווערע איבערגאנג; מען האט דיר אויסגעשאסן אלע פענסטערס, פארברענט דיין שטוב, פארלאשן אלע ליכטיגקייטן, דיר פארטריבן אין גלות און עס זעט אויס ווי אלעס איז פארטיג, קומט דער אייבערשטער און זאגט: "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" - טרייסט דיך, איך בין מיט דיר, איך וועל דיר נישט אפלאזן! דאס דארף זיין אונזער גרעסטע שמחה, אז מיר האבן דעם אייבערשטן וואס איז מיט אונז און טרייסט אונז.
~~~~~~~~~~

דערפאר דארפן מיר זיך זייער פרייען דעם שבת; מיר דארפן טאנצן א גאנץ שבת אז דער אייבערשטער טרייסט אונז. דער עיקר טרייסט איז אז מיר האבן שכל, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין צב.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו", ווער עס האט שכל איז ביי אים אזוי ווי דער בית המקדש שטייט; וואס איז שכל? וואס איז דעת? אז דער מענטש לעבט מיט אמונה אינעם אייבערשטן און ער ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער - דאס איז דעת, אזוי ווי עס שטייט (דברים ד, לה): "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ".

ווי גליקליך זענען מיט אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי'ן און מקורב ווערן אין היכל הקודש קודש הקדשים וואו מען לערנט מיט אונז אמונה; מוהרא"ש לייגט אריין אין אונז מיר זאלן 'לעבן' מיט אמונה, נישט נאר וויסן פון אמונה, נאר לעבן מיט אמונה, אטעמען אמונה; דער גאנצער לעבן איז אן אנדערע סארט לעבן ווען מען לעבט מיטן אייבערשטן. ווען א מענטש לעבט מיטן אייבערשטן, ער ווייסט אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט אויסער דעם אייבערשטן לעבט ער א גוט לעבן.

לאז זיך נישט אריין כאפן אין די נעץ פונעם שטן וואס זוכט נאר ווי ער קען ארויפלייגן אויפן מענטש עשרה קבין מרה שחורה מיט א לבוש פון ערליכקייט; שבת דארף מען זיין פרייליך, א גאנץ שבת זאלסטו טאנצן מיט די משפחה אויף די גרויסע זכיה וואס מיר האבן אז מיר האבן שבת קודש.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## מיין בחור ברעכט אונטער פון דרוק, וואס איז די עצה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר אלע עצות און חיזוק און די אמונה און בטחון, וואס מיר באקומען פון אייערע געוואלדיגע שיעורים.

איך האב זיך געוואלט שואל עצה זיין איבער מיין בחור, ער לערנט ב"ה פיין אין ישיבה, אבער דאס איז נאר אונטער א געוואלדיגע פרעשור אז ער זאל הייסן א גוטער בחור און זיין ארויפגעקוקט אין ישיבה. איין טאג איז ער געבליבן אינדערהיים און געזאגט ער שפירט זיך נישט גוט, ווען איך האב אים געוואלט נעמען צום דאקטער האט ער געזאגט אז אלעס איז אין ארדענונג נאר ס'איז געווען א פארהער אין ישיבה און ער האט נישט געקענט הונדערט פראצענט, און ער האט מורא געהאט אז ער גייט באקומען א שוואכע צייכן, און דאס ממש עק וועלט ווייל אלעס אין ישיבה גייט לויט ווי גוט מ'קען.

לעצטנס איז ער צאמגעפאלן אין שול, מ'האט אים אריינגעפירט אין שפיטאל און דער דאקטער האט געזאגט אז דאס איז פשוט געווען פון א "פאניק אטאקע", עס האט אים געכאפט א געפערליכע פחד צו זיין צווישן אזויפיל מענטשן אין שול, און דעריבער האט ער גע'חלש'ט. זייט דעמאלט וויל ער מער נישט גיין דאווענען אין א גרויסע שול, און איך וויים נישט וואס צו טון וועגן אים, יעצט קומט די הייליגע טעג און איך וויל גיין דאווענען אין א גרויסע שול.

איך האב אזוי ארויסגעקוקט צו זען נחת פון אים, און יעצט האב איך מורא ער זאל נישט ווערן קיין חולה נפש רחמנא ליצלן, וואס טו איך? ווי אזוי געב איך זיך אן עצה?

א גרויסן יישר כח

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ואתחנן, י״א מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער אייבערשטער וועט העלפן דו וועסט זען נחת פון אים און פון אלע אנדערע קינדער.

וויסן זאלסטו אז קינדער זענען נישט קיין מאשינען; אפילו א מאשין קען אויך אויפהערן ארבעטן ווען מען ארבעט עס איבער, כל שכן א מענטש - אויב מען שטרענגט עס איבער הערט עס אויף ארבעטן, דער מח קען נישט פארנעמען ווען מען דרוקט אויף אים.

זאלסט אים חס ושלום נישט צווינגען צו גיין דאווענען אין א שול וואו ער האט פחדים; ענדערש זאל ער דאווענען אפילו ביחידות ווי לאנג ער וועט ארויס קריכן פון די פחדים.

רעד מיט אים נאר דיבורי אמונה, ווייל אמונה איז די רפואה פאר אנגעצויגנקייט, פחדים, ספיקות און בלבולים. ווען א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה; ער ווייסט אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט אויסער דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער איז: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל" - דאן לעבט ער א רואיג לעבן.

אמונה שטארקט די נערוון, און פארקערט אויך; אויב א מענטש איז נישט שטארק מיט אמונה און ער שפירט נישט דעם אייבערשטן, ער מיינט אז זאכן פאסירן סתם אזוי אן קיין חשבון און עס איז דא טבע מקרה מזל - אזא מענטש לעבט שטענדיג מיט פחדים און שלעכטע מחשבות; מען באשולדיגט זיך כסדר, וואס פון דעם קומען אלע נערוון קראנקהייטן לא עלינו ולא עליכם, און די איינציגסטע רפואה פאר די וואס ליידן אויף די נערוון איז נאר "אמונה".

דערפאר זאלסטו שמועסן מיט דיינע קינדער נאר פון אמונה; פארצייל זיי מעשיות פון השגחה פרטיות ביז עס וועט אריינגעבאקן ווערן אין זייער הארץ די ריינע אמונה, דעמאלט וועלן אלע פראבלעמען אוועק פאלן.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דער עיקר אויף וואס א מענטש דארף ארבעטן צו צוקומען - איז אמונה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הַחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", ווייל עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס ליידן מחלות בלויז ווייל זיי האבן נישט קיין אמונה; דאס גייט ארויף אויף יסורי הנפש וואס מענטשן ליידן נעבעך, זאגט דער רבי ווייטער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", ווען א מענטש האט נישט קיין אמונה און ער ליידט נעבעך פון די מחלות וואס קומט פון חסרון אמונה, דעמאלט העלפט אים נישט קיין רפואות, עס העלפט נישט קיין תפילה און אויך נישט זכות אבות. דאס גייט ארויף אויף די יסורים וואס מענטשן מאכן נעבעך מיט פון אלע סארט יסורי הנפש; עס פייניגט זיי פון אינעווייניג - יעדער מיט זיינע שלעכטע מחשבות, און די איינציגסטער רפואה אויף דעם איז אמונה.

זאג נישט אז דו האסט געמיינט דו וועסט האבן נחת וכו' און יעצט האסטו מורא אז ער וועט ווערן א חולה נפש, ווייל אז דו וועסט אים נישט דרוקן און דו וועסט אים

שטענדיג נאר אויפהייבן וועט ער זיין געזונט און שטארק. אז ער איז נישט גרייט צו גיין צווישן אן עולם זאלסטו אים נישט איבער רעדן ער זאל יא גיין, און אז דו וועסט רעדן צו אים מיט א זיכערקייט פונעם אייבערשטן וועסטו זען וואסערע ניסים וועט געשען מיט אים.

בעט דעם אייבערשטן פאר אים און פאר אלע דיינע קינדער און פאר אלע אידן אז אלע זאלן זיין געזונט בגוף ובנפש - דאס וועט דיר ברענגען צו זען פון זיי נחת.

עס איז געווען א ברסלב׳ער חסיד וואס האט זייער מצליח געווען מיט אלע זיינע קינדער, ווען מען האט אים געפרעגט: ״ווי אזוי האסטו זוכה געווען אז אלע דיינע קינדער זענען ערליכע אידן?״ האט ער געענטפערט: ״וואס מיינט איר, איך האב זיי אראפגעריסן פון בוים?! איך האב אסאך טרערן פארגאסן צום אייבערשטן איך זאל זוכה זיין צו זען נחת פון זיי; איך פלעג וויינען יעדן טאג צום אייבערשטן ער זאל מיר געבן ערליכע קינדער, דערפאר האב איך זוכה געווען צו ערליכע קינדער״.

שטארק דיך! דער אייבערשטער וועט העלפן אז דיין זון וועט ארויסגיין פון זיין צרה.

...

~~~~~~~~~~~

## זאל מען אפהאקן קשר מיט נאנטע משפחה וועלכע פירן זיך נישט ווי מ׳דארף?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר די חיזוק און שיעורים וואס העלפן אונז אזוי שטארק ארויס אין לעבן.

איך מיט מיין מאן לעבן ב"ה זייער גוט מיט א נאנטע קשר, ווי אויך האבן מיר ב"ה זייער א נאנטע קשר מיט די קינדער, מיר פירן אן ערליכע און פרומע לעבן, און מיר פרובירן צו זיין וואויל און ערליך אויפ'ן בעסטן פארנעם.

מיין שווער פירט אבער אן אנדערע סארט לעבנסשטייגער, און ער קומט אסאך מאל צו אונז אויף שבתים, און דא הויבט זיך אן די פראבלעמען, איך וויל נישט אונזערע קינדער זאלן זען אינעם זיידן א ביישפיל ווי אזוי מ'דארף זיך אויפפירן, למשל ער האט א סמארטפאון מיט אפענע אינטערנעט, און אסאך מאל מוצאי שבת וויל ער באשטעלן מתנות פאר די קינדער פון זיין טעלעפאן, ער ווייזט פאר די קינדער זיי זאלן זיך אויסקלויבן דארט וואס זיי ווילן, און דאס טוט מיר זייער וויי. און אזוי איז דא נאך זאכן ווי אזוי ער פירט זיך, וואס איך וויל נישט די קינדער זאלן דאס זען, און זיכער נישט נאכמאכן חס ושלום.
~~~~~~~~~~~

מיין מאן פארשטייט מיר זייער גוט, ער איז מודה אז דאס קען שאטן פאר די קינדער, אבער למעשה מוז ער זיך אבער אננעמען פאר זיין טאטע, און דאס ברענגט אויך צו שלום בית פראבלעמען.

ווי אויך האט מיין שווער חשק צו מאכן א שבתון פאר די גאנצע משפחה, דאס וויל איך אויך זייער נישט, די משפחה פירן אויך אן אנדערע סארט לעבן, מיט אפענע אינטערנעט וכדומה, איך בין בכלל נישט אינטערעסירט צו גיין צו אזא שבתון, וואס דאס קען זייערווארשיינליך שאטן פאר אונזערע קינדער.

איך האף אז ער וועט מיר קענען געבן אן עצה ווי אזוי זיך אומצוגיין, פון מיין זייט וואלט איך שוין לאנג שוואכער געמאכט דעם קשר פון אונזער שטוב מיט מיין שווער, בין איך מחויב שוואכער צו מאכן די ערליכקייט און תמימות פון מיינע קינדער לכבוד א זיידע? מוז מען האלטן קשר צו די מומעס, פעטערס און קאזינס, וועלכע האבן נישט קיין מורה דרך, און פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין?

א גרויסן יישר כח, א פארוייטאגטע מאמע.

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ואתחנן, י״א מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז אייך אז איר לעבט בשלום ובשלוה מיט אייער מאן און איר ציט אויף אייערע קינדער מיט יראת שמים, און וואויל איז אייך אז איר געבט אכטונג צו האבן אן ערליכע שטוב, איר ברענגט נישט אריין אין אייער שטוב קיין שום כלי וואס האט שייכות מיט די גאס (אינטערנעט). דאס איז די וועג זוכה זיין צו זען ערליכע דורות.

קינדער זענען צוגעגליכן צו בלומען; פונקט אזוי ווי בלומען דארף מען באוואסערן און אכטונג געבן זיי זאלן וואקסן שיין, אזוי אויך דארף מען אכטונג געבן אויף קינדער ווען זיי זענען יונג אז זיי זאלן נישט האבן קיין שלעכטע חברים, כדי זיי זאלן אויסוואקסן ריין און הייליג.

מיר לעבן היינט אין שווערע צייטן וואס דער יצר הרע פראבירט צו רייסן שטיקער פון כלל ישראל און עס פאלן ליידער אוועק אידישע קינדער, דעריבער דארפן מיר זייער אכטונג געבן אריין צו לייגן אין די קינדער ליבשאפט און ווארעמקייט זיי זאלן ליב האבן זייער שטוב און ליב האבן טאטע מאמע, דעמאלט וועלן זיי נישט נאכלויפן שלעכטע חברים.

ליבשאפט איז די פונדאמענט פון א שטוב; קינדער וואס קומען פון א געזונטע שטוב, פון א שטוב וואו די עלטערן האבן זיך ליב און זענען זיך מכבד איינער דעם

צווייטן - וועלן אייביג ציען צו בלייבן אויפן וועג פון זייערע עלטערן, אבער אויב קריגן זיך די עלטערן וועלן די קינדער פריער אדער שפעטער אוועק לויפן פון זייערע עלטערן.

דערפאר אז איר זוכט א וועג ווי אזוי אכטונג צו געבן אז אייערע קינדער זאלן נישט נאך לויפן פעטערס, מומעס און קאזינס וואס לעבן אן אנדערע סארט לעבן ווי איר און אייער מאן, איז די עצה אז אין אייער שטוב זאלט איר זען עס זאל שטענדיג הערשן א געשמאקע לופט און א איינגענעמע אטמעספער, דאן וועלן די קינדער קיינמאל נישט וועלן טוישן און אפלאזן דאס וואס מען האט מיט זיי געלערנט. אבער אויב אין שטוב וועט זיין אן אנגעצויגענע אטמאספער דאן וועלן זיי אייביג וועלן לויפן צו מענטשן וואס שטעלן אהער א פרייליכן פנים.

מען קען נישט אפהאקן מיט משפחה - בפרט מיט זיידע און באבע, אויך טאר מען נישט - אין געגנווארט פון די קינדער - אוועק מאכן די עלטערן, זיידע, באבע וכו׳; עס איז נישט געזונט פאר קינדער צו הערן ווי מען מאכט אוועק א שווער, שוויגער, טאטע אדער מאמע - נישט בגשמיות און נישט ברוחניות.

די אלע וואס זענען מחנך קינדער אנטקעגן סמארטפאונס דארפן זייער אכטונג געבן ווי אזוי מען רעדט, כדי די קינדער זאלן נישט ווערן צעמישט ווען זיי הערן: "ווער עס האט א סמארט פאון איז א שגץ", ווייל וואס דארף ער טראכטן אויף זיינע עלטערן וכו׳...

מען דארף אסאך רעדן צו קינדער באופן כללי: ווי שטארק מען דארף זיך אכטונג געבן נישט צו האבן א סמארט פאון וואס איז אפען צו די גאס (אינטערנעט), און אויב מען דארף דאס האבן פאר ביזנעס זאל מען פרעגן א רב, קינדער און בחורים וואס ארבעטן נישט - פאר זיי איז עס זיכער נישט גוט און עס ברענגט נישט גוטע זאכן, ווייל אז מען היט זיך נישט די אויגן ליידט מען נאכדעם זייער אסאך צרות.

ווען מען רעדט אנטקעגן סמארטפאונס דארף מען אראפ רייסן די זאך, נישט דעם מענטש וואס האט דאס.

אזוי אויך ווען מען רעדט צו קינדער, מען איז זיי מחנך אויף הלכות, און זיי פרעגן: "טאטי טוט אזוי?" "זיידי טוט אזוי?" דארף מען זיין זייער קלוג און שארף צו קענען מסביר זיין פארן קינד אויף א וועג אז זיי זאלן נישט ווערן צעמישט.

לגבי אוועק פארן מיט די גאנצע משפחה אויף א שבת אין א האטעל וכו׳; הלוואי וואלט מען געקענט פטור ווערן פון דעם צעדרייטן מנהג. עס קומט נישט ארויס פון דעם קיין שום גוטס, און מען קומט נישט אהיים מיט קיין יראת שמים פון דארט; אויב

קען מען זיך שיינערהייט ארויסדרייען מיט תירוצים אז עס זאל נישט ווערן א ריס חס ושלום אין די משפחה - איז זיכער בעסער.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן שכל איר זאלט וויסן ווי אזוי צו גיין צווישן די טראפן; פון איין זייט נישט צו מאכן קיין מחלוקת און חס ושלום נישט וויי טון אייער מאן צו רעדן אנטקעגן זיינע עלטערן, און פון דער אנדערע זייט צו קענען אויפציען קינדער וואס זאלן גלייבן אינעם אייבערשטן און גלייבן אין צדיקים; זיי זאלן וויסן אז מען מוז האבן א מורה דרך אין לעבן און עס איז נישט הפקר וועלט.

דעם שכל קען מען נאר באקומען אז מען בעט דעם אייבערשטן; שכל קען מען נישט געבן פאר א מענטש, שכל באקומט מען אז מען גיסט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן. מוהרא"ש זאגט אז "שכל" איז די ראשי תיבות "שִׁ'פְכִי כַ'מַּיִם לִ'בֵּךְ"; אז מען וויל האבן שכל ווי אזוי צו לעבן סיי מיט זיך אליין און כל שכן מיט א מאן, דארף מען טון וואס שטייט אין פסוק (איכה ב, יט): "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ, נֹכַח פְּנֵי ה'" - זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן און אים בעטן מען זאל וויסן ווי אזוי מען פירט זיך מיט א מאן, און ווי אזוי מען פירט זיך מיט קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

## ווי אזוי ציעט מען אויף ערליכע קינדער ווען זיי זעען ביי די ארומיגע משפחה פארקערט?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיר האבן באקומען אייער ענטפער ווי אזוי זיך אומצוגיין ווען דער זיידע פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, ער האט אפענע אינטערנעט אויף זיין טעלעפאן, און נאך זאכן, א גרויסן יישר כח פאר די ענטפער, למעשה זענען מיר אבער נאכאלץ נישט אינגאנצן קלאר וואס מיר דארפן צו טון.

מיר שפירן אז מיט דעם וואס מיר זענען מכבד דעם זיידן, און מיר רעדן נישט חס ושלום קעגן אים אין פארנט פון די קינדער, דאס וועט מאכן אז די קינדער זאלן אים וועלן נאכמאכן און נאכטון זיינע שלעכטע וועגן. ווי אזוי קען מען גיין צווישן די טראפן? פון איין זייט צו מכבד זיין יעדן איינעם אין די משפחה, און פון די אנדערע זייט ווי אזוי זיכער צו מאכן אז די קינדער זאלן בלייבן ערליכע אידן, זיי זאלן נישט וועלן זיך אויפפירן אזוי ווי זיי, ווען זיי פירן זיך נישט ווי מ'דארף?
~~~~~~~~~~

און אויך וועגן זיך באטייליגן ביי א שבתון פון די פאמיליע, ווען מ'גייט זיך טרעפן מיט די קרובים וואס מיר ווילן נישט אונזערע קינדער זאלן אויסקוקן אזוי ווי זיי? מיר ווילן וויסן א קלארע הדרכה, זאלן מיר גיין אהין אדער נישט?

נאכאמאל א גרויסן יישר כח, און מיר האפן אז איר וועט נעמען די צייט אונזער ארויסצוהעלפן און אונז לערנען די ריכטיגע וועג וואס צו טון.

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ואתחנן, י״ג מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד מרת ... תחי׳**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

הגם איך האב אייך שוין געענטפערט אויף אייערע פראגעס אינעם פריערדיגן תשובה וואו איר וועט טרעפן א קלארע וועג ווי אזוי צו לעבן וכו׳ אזוי ווי איר וועט זען ביים איבערליינען די תשובה, און איך האב נישט וואס מוסיף צו זיין אין דעם ענין, דאך וועל איך אייך נאכאמאל שרייבן מער באריכות. ווייל דער ענין איז נוגע פאר זייער אסאך משפחות; זייער אסאך אינגעלייט האבן די פראגע ווי אזוי מען קען אויפציען קינדער על טהרת הקודש ווען די קינדער זעען ביי די ארומיגע משפחה פארקערט ווי מען לערנט זיי.

די ערשטע עצה פאר עלטערן אז זיי זאלן זוכה זיין צו זען ערליכע דורות - איז תפילה. מוהרא״ש פלעגט אונז זייער אסאך מאל דערציילן די מעשה פון א איד וואס איז געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו און אים געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער; האט דער הייליגער חפץ חיים גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, ער האט דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: ״דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום; זי פלעגט יעדן טאג זאגן תהילים און זיך אויסוויינען צום אייבערשטן זי זאל זוכה זיין צו ערליכע קינדער, אז דו וועסט זאגן תהילים און וויינען צום אייבערשטן וועסטו אויך זוכה זיין צו גוטע קינדער״; אז עלטערן נעמען אראפ אפאר מינוט יעדן טאג צו מתפלל זיין צום אייבערשטן אויף ערליכע דורות וועלן זיי זוכה זיין צו זען נחת ביי די קינדער און קינד׳ס קינדער.

צווייטנס, די שענסטע מתנה וואס עלטערן קענען געבן פאר זייערע קינדער איז זיי ווייזן ווי אזוי מען לעבט מיט אהבה און כבוד איינער צום צווייטן; ווען קינדער זעען ווי טאטע מאמע האבן זיך ליב, זיי רעדן שיין צווישן זיך און קיינער גרויסט זיך נישט אויפן צווייטן - דאס איז די שענסטע מתנה וואס מען קען זיי געבן, דאס געבט זיי מח,

דאס מאכט זיי זאלן וואקסן און זיך ערנערן געזונט און שטארק, און בלייבן אויפן וועג פון זייערע עלטערן.

דאס איז די ערשטע יסוד ביים בויען א אידישע שטוב, ווייל איינמאל עס איז דא ליבשאפט צווישן די עלטערן - דעמאלט קען מען גיין א טריט ווייטער, מען קען נאכדעם פארלאנגען פון די קינדער זיך צו פירן מיט יראת שמים וכו' וכו', אבער אז עס איז נישט דא קיין ליבשאפט אין שטוב איז נישט דא קיין כלי, און אז עס איז נישט דא קיין כלי איז א שאד אויף אלעס וואס מען לייגט אריין אין זיי.

קינדער וואס האבן א ווארימע היים און ווארימע עלטערן - וואקסן געזונט; דער עיקר פון א קינד איז זיין היים און זיינע עלטערן. קינדער וואס האלטן מיט ווי זייערע עלטערן קריגן זיך איינער מיטן צווייטן בלייבן מיט א וואונד; קינדער וואס קומען פון א שטוב וואו עס איז נישט דא קיין דרך ארץ וכו', די עלטערן שרייען און שעלטן וכו', בלייבן איבער מיט וואונדן.

דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען צו לערנען מיט אידישע קינדער תורה; במשך די אלע יארן וואס איך האב די ישיבה וכו' האב איך געזען אז די אלע קינדער וואס קומען פון גוטע שטובער - גוטע שטובער מיין איך צו זאגן געזונטע שטובער, וואס די עלטערן זענען זיך מכבד איינער דעם צווייטן און עס איז דא ליבשאפט איינער צום צווייטן - מיט אזעלכע קינדער איז גרינג צו ארבעטן, ווייל זייער מח בדרך כלל איז געזונט, אבער קינדער וואס וואקסן אויף אין א שטוב וואס דער שטוב איז נישט קיין שטוב - דאס איז שוין א צווייטע מעשה; זיי וואקסן אויף צעקלאפט און פארמאכט און זיי דערקייקלען זיך ביז זיי זוכן זיך שלעכטע חברים, און נעמען דראגס השם ישמרינו.

אוודאי וועלן די קינדער אלץ וועלן נאכמאכן משפחה, שכנים, חברים און חבר'טעס וכו' וכו', דערפאר דארפן די עלטערן זיין שטארק מיט וואס מען פארלאנגט און נישט נאך געבן; עלטערן טארן נישט שפירן ביי זיך שולד געפילן ווען מען זאגט 'ניין' פאר די קינדער, ווען די קינדער קומען מיט טענות: "פארוואס זיי מעגן און אונז טארן נישט?" "פארוואס די שכנים שפילן מיט די סארט שפילן און אונז מעגן נישט?" "פארוואס די קאזינס גייען אנגעטון אזוי און אזוי, און אונז טארן נישט?" עס איז זייער נארמאל פאר קינדער אזוי צו רעדן; קינדער זענען קינדער, די אויפגאבע פון די עלטערן איז צו זיין זייער שטארק מיט זייערע פרינציפן און נישט נאך געבן, ענטפערן פאר די קינדער רואיג מיט א שמייכל: "מיר האבן א וועג וויזער; א רב, רבי, דיין - וואס לערנט אונז ווי אזוי זיך צו פירן; איינער עסט דעם הכשר, א צווייטער איז מקפיד אויף א בעסערע הכשר; אונזער רבי, אונזער מורה דרך זאגט אז מען זאל נישט שפילן מיט די

סארט שפיל". אזוי אויך לגבי ווי אזוי צו גיין אנגעטון: "מיר גייען נישט אזוי, מיר גייען מער איידל, מער באשיידן"; אז מען רעדט אזוי צו די קינדער, ווען זיי וועלן אויפוואקסן וועלן זיי זיך האלטן צו די וועג לויט ווי אזוי די עלטערן האבן זיי מחנך געווען.

אויב עס איז נישט דא אין שטוב קיין לופט צו אטעמען, דאס הייסט טאטע מאמע קריגן זיך ארום, מען שרייט איינער אויפן צווייטן; אדער טאטע מאמע קלאפן אראפ די קינדער, מען זוכט נאר זיי אראפ צו קלאפן: "דו טויגסט נישט", "דו ביסט נישט", "דו בטלן", "דו שלימזל", און אזוי ווייטער - דעמאלט וועלן די קינדער זוכן א וועג פטור צו ווערן פון די עלטערן, זיי וועלן דאס מלביש זיין אין דעם וואס מען לאזט גארנישט טון, זיי וועלן ווייזן מיט די פינגער אויף די משפחה ארום און ארום וואו מען איז יא ערלויבט צו שפילן מיט אלע סארט שפילן, גיין אנגעטון מיט אלעס און עסן אלעס וואס גלוסט זיך, כאילו דאס איז דער פראבלעם, אבער באמת האט דאס נישט צו טון מיט דעם.

נאכאמאל לגבי אייער שווער וכו'; ווען קינדער זעען ווי זייערע עלטערן רעדן מיט שעצונג אויף זייערע עלטערן וועלן זיי אויך מכבד זיין די עלטערן, אבער אויב קינדער באקומען די געפיל אז זייערע עלטערן שעצן נישט זייערע עלטערן דאן ווערן זיי צעמישט און דעמאלט הייבן זיך אן די פראבלעמען.

לגבי גיין אויף שבתון'ס וכו'; עס זענען פארהאן צוויי וועגן ווי אזוי נישט צו גיין, איינער גייט נישט און מאכט זיכער אז יעדער זאל וויסן אז ער גייט נישט און פארוואס ער גייט נישט וכו', א צווייטער גייט נישט אבער ער מאכט זיכער קיינעם נישט וויי צו טון, ער דריידט זיך ארויס מיט כל מיני תירוצים.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זען נחת ביי אייערע קינדער געזונטערהייט מיט אייער מאן אינאיינעם.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## זאל איך מחזק זיין מיין מאן צו לערנען ביינאכט?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך וויל זיך קודם באדאנקען פאר אלע שיינע שיעורים, ס'איז פשוט מחיה נפשות.

איך בין פון ארץ ישראל, מיין מאן האט ב"ה א שטארקע חשק צו תורה, ער לערנט כמעט א גאנצן טאג אין כולל, און ער לערנט אויך א כולל אינמיטן די נאכט נאך חצות. אסאך מאל איז אים זייער שווער אויפצושטיין אינדערפרי, און איך וויל וויסן אויב איך דארף אים מחזק זיין אויף דעם.

איך האב אים געזאגט ער זאל ענדערש גיין אין א פארמיטאג כולל, ער טענה'ט אבער אז ס'איז זייער געשמאק צו לערנען ביינאכט ווען ס'איז רואיג און שטיל, למעשה קומט אבער אויס אז ער איז זייער מיד בייטאג, צו שמחות גייט ער כמעט נישט ווייל ער דארף אויפשטיין חצות, און אויב גייט ער יא צו א שמחה בלייבט ער שוין אויף נאכדעם די גאנצע נאכט ווייל ער וויל נישט פארפאסן די כולל.

זאל איך אים מחזק זיין אנצוהאלטן די נאכט כולל, אדער אים פרובירן אפצורעדן דערפון?

יישר כח.

### תשובה:

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ואתחנן, י"א מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז אייך אז איר האט זוכה געווען צו האבן א מאן וואס לערנט פלייסיג די הייליגע תורה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבועות ל:): "אֵשֶׁת חָבֵר הֲרֵי הִיא כְּחָבֵר", מען דארף געבן כבוד פאר די ווייב פון א תלמיד חכם פונקט אזוי ווי מען דארף מכבד זיין א תלמיד חכם, ווייל אין איר זכות קען ער לערנען פלייסיג די הייליגע תורה. אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות יז.): "אֲמַר לֵיהּ רַב לְרַבִּי חִיָּא: נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן?" אויף וואספארא גוטע מעשים באקומען די פרויען שכר, זיי האבן דאך נישט די מצוה פון לערנען די הייליגע תורה? האט אים רבי חייא געענטפערט: "בְּאַקְרוּיֵי בְנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנָן, וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", פארן שיקן די קינדער אין חדר לערנען תורה, און פארן אפווארטן די מענער ביים אהיים קומען פון כולל וואו זיי לערנען תורה - אויף דעם וועלן זיי באקומען שכר.

דעריבער זאלט איר אים ווייטער מחזק זיין ער זאל לערנען די הייליגע תורה; ווען ער וועט זען ווי איר שעצט אים און איר האלט אים חשוב וועט דאס ברענגען ער זאל

לערנען נאך מער פלייסיג. ווייל די מערסטע חיזוק באקומט מען פון די ווייב; אז א ווייב קוקט ארויף איר מאן מיט זיין לערנען און זיין אויפשטיין פארטאגס לערנען פלייסיג, וועט דער מאן האבן כח ממשיך צו זיין מיט זיין עבודת השם, דאס געבט כח אויפצושטיין פארטאגס לערנען.

דעריבער אז ער וויל לערנען ביינאכט זאלט איר אים נאר מחזק זיין און שעצן, וועט איר זוכה זיין צו באקומען די געוואלדיגע שכר אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## שולד געפילן איבער חינוך; אפלאזן אלטע שיעורים און גיין צום דרך הלימוד?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר אייער ענטפער, איבער מיין זון וואס ברעכט אונטער די גרויס דרוק צו זיין דער בעסטער אין ישיבה און באקומען די בעסטע צייבענונגען, ביז עס איז אים שוין צוגעטרויטן צום געזונט.

א. איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס איך שפיר א שטארקע שולד געפיל וועגן דעם, אפשר האב איך געלייגט צופיל דרוק אויף אים, אפשר זאל איך זיך פארנעמען עפעס א גוטע קבלה זיך צו בארואיגן?

ב. איך בין עוסק על המחיה ועל הכלכלה, איך ארבעט צו ברענגען פרנסה אין שטוב, און איך האב ב"ה שיעורים קבועים יעדן טאג צו לערנען תורה, מיין שאלה איז אזוי ווי איך הער ביי אייערע שיעורים איבער דעם "סדר דרך הלימוד" פון רבי'ן, זאל איך אפלאזן מיינע ביז יעצטיגע שיעורים און אנהויבן לערנען אויף דעם דרך הלימוד?

ג. ווי איך האב אייך שוין געשריבן האט מיין זון א פחד צו דאווענען אין א גרויסע שול מיט אסאך מענטשן, ער וויל דאווענען נאר אין א קלענער שול, מעג ער זאגן א ליגנט פאר זיינע חברים איבער וואו ער האט געדאווענט?

נאכאמאל א גרויסן דאנק אויף אלעס, דער אייבערשטער זאל אייך געבן אסאך כח אנצוגיין מיט אייער הייליגע ארבעט.

### תשובה:

**בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ואתחנן, י"ד מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

א. דו שרייבסט אז דו שפירסט א שולד געפיל אויף וואס עס האט פאסירט מיט דיין זון נרו יאיר וכו', און דו פרעגסט וואסערע קבלה טובה דו קענסט מקבל זיין אויף דיר כדי זיך צו בארואיגן.

וויסן זאלסטו אז מען קען נישט מחנך זיין קינדער כדי צו האבן כבוד פון זיי; עלטערן וואס פארלאנגען פון זייערע קינדער צו זיין דוקא דער 'אויסגעצייכנסטער' פון כתה, דער 'בעסטער' פון כתה, אדער דער 'געלונגענסטער' - אלעס פאר כבוד, וועלן זייערע קינדער ביים סוף אלעס אפלאזן אדער משוגע ווערן. שלמה המלך זאגט (משלי כב, ו): "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ, גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה"; דאס הייסט מען דארף מחנך זיין קינדער "עַל פִּי דַרְכּוֹ", נישט ארויף לייגן צו סאך אויף זיי, נאר לויט זייער וועג וכו'.

עס איז א גרויס רחמנות אויף מענטשן וואס לעבן פאר א צווייטן און זייער גאנצער מח מחשבה איז שטענדיג פארנומען צו טראכטן: 'וואס וועט יענער טראכטן אויף מיר?' 'וואס וועט דער זאגן אויף מיר?' ווייל באמת דארף א מענטש זיין ביי זיך אזוי שטארק מיט אמונה, אז עס זאל אים נישט אינטערעסירן וואס א צווייטער זאגט און טראכט אויף אים.

אזוי איז אויך לגבי די קינדער; מען דארף מחנך זיין קינדער צו דאווענען און לערנען ווייל דער אייבערשטער האט אונז אזוי געהייסן, נישט פאר מענטשן - אז מענטשן זאלן זען ווי מיר האבן די בעסטע קינדער וכו'; אך און וויי איז אויב מען איז מחנך קינדער פאר גאוה און כבוד, ווייל ווען די קינדער וואקסן אויף לאזן זיי אלעס אפ, שפירנדיג אז דאס איז פאלש און מען טוט אלעס נאר כדי צו געפעלן פאר א צווייטן.

מוהרא"ש פלעגט אסאך דערציילן די פאלגענדע מעשה: מען האט אמאל געהערט פסח ביינאכט ווי א פשוט'ער איד וויינט ביי די ווערטער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" ער האט עס איבער געזאגט נאכאמאל און נאכאמאל און פארלאזט דערביי זידיגע טרערן, ווען מען האט אים געפרעגט: "וואס איז דא צו וויינען ביי די ווערטער?" האט ער געענטפערט: "איך פארשטיי נישט גארנישט, איך זע פשוט אין די הגדה אז דער חכם זאגט עפעס און דער רשע זאגט עפעס, וואס גייט מיר אן וואס דער חכם זאגט אויף מיר און וואס דער רשע האלט פון מיר, איין זאך גייט מיר אבער יא אן: "תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר"? ער ווייזט מיטן פינגער ארויף אויבן, "וואס זאגט מען אויף מיר אויבן אין הימל (אויף רוסיש זאגט מען 'דארט' - תָּם); דער האלט פון מיר, דער צווייטער האלט נישט פון מיר, איינער זאגט איך בין א בטלן, א צווייטער זאגט איך בין א שלימזל, אבער

רבונו של עולם וואס האלסטו פון מיר? רבונו של עולם ווייז מיר אביסל ליבשאפט, ווייז מיר אז דו האסט מיר ליב, איך וויל נישט גארנישט - נאר טון דיין ווילן".

דער הייליגער רבי האט אמאל דערציילט פאר זיין טאכטער אדל איבער א גרויסער מענטש וואס האט געדאווענט יארן לאנג מיט גרויס התלהבות פאר א קאץ; ער פלעגט דאווענען אין א צימער און ווען ער האט געהערט די גרודער פון א קאץ אינדרויסן האט ער געמיינט אז דאס קומט פון די חסידים וואס שטופן זיךביים טיר צו קענען אריינקוקן זען ווי אזוי ער דאווענט, פלעגט ער זיך נאך מער איינוויקלען אין זיין טלית און דאווענען מיט התלהבות פאר די וואס קוקן אריין אין פענסטער, ביז דערווייל איז דער גרודער געקומען פון א קאץ... א שכן פלעגט אוועקשטעלן יעדן אינדערפרי א טעפל מילך און דער קאץ פלעגט ארום שפרינגען דארט אין חצר ביים טרינקען די מילך און פון דעם איז געקומען די רעש, קומט אויס אז די אלע יארן האט ער געדאווענט פאר א קאץ רחמנא לצלן.

ב. בנוגע וואס צו לערנען; לאז נישט אפ דיינע אלטע שיעורים, בלייב מיט דיינע חברותות און זע צו זאגן יעדן טאג תהילים. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תפה): "א קאפיטל תהילים אז מען זאגט, איז אזוי ווי א פאנטש"; פונקט ווי א מענטש נעמט מיט זיך מיט טרינקען וואו ער גייט, אז אויב ער וועט ווערן דורשטיג זאל ער האבן עפעס צו טרינקען, אזוי אויך דארף א מענטש זאגן יעדן טאג תהילים כדי צו געבן צו טרינקען פאר זיין נשמה.

ר' נתן פלעגט יעדן טאג זאגן דעם יום תהילים, אזוי ארום פלעגט ער ענדיגן דעם גאנצן ספר תהילים יעדע וואך, און אזוי פירן זיך תלמידי היכל הקודש - צו זאגן יעדן טאג דעם יום תהילים. דער הייליגער רבי האט געזאגט אז משיח וועט קומען בזכות די פשוט'ע אידן וואס זאגן אסאך תהילים; הרב הקדוש מסאטמאר זכותו יגן עלינו ברענגט דאס אראפ אין ספר ויואל משה (מאמר ישוב ארץ ישראל, סימן קנ) אז משיח וועט קומען בזכות די אלע ערליכע פשוט'ע אידן וואס זאגן תהילים יעדן טאג.

ג. בנוגע וואס מען זאל זאגן פאר מענטשן וכו'; דו דארפסט פאר קיינעם נישט אפגעבן דין וחשבון וואו ער דאווענט, און דו דארפסט בכלל נישט זיין פארנומען מיט מענטשן - וואס מענטשן וועלן טראכטן און וואס מען וועט זאגן; אז דיין זון איז נישט גרייט צו דאווענען מיט אן עולם זאלסטו אים אפלאזן, זאל ער דאווענען וואו ער איז באקוועם.

זע אז דיין זון זאל זיך ערהוילן און צוריק קומען צו זיינע כוחות; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן פד): "תִּקּוּן הַגּוּף, קֹדֶם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ", קודם דארף דער

גוף זיין געזונט און מסודר, נאכדעם זארגט מען אויפן נפש; מען דארף ערשט אכטונג געבן אויפן גוף, עס זאל זיין רואיג און נישט איבערגעשטרענגט, נאכדעם דארף מען אכטונג געבן אויפן נפש.

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "א קליינע לאך אינעם גוף איז א גרויסער לאך אין די נשמה".

ווען דער יצר הרע זעט א מענטש וועם ער קען נישט בייקומען, ווייל דער מענטש פירט זיך זייער ערליך, דאן קומט ער צום מענטש ווי א פרומער, ער מאכט אים שפירן אז ער טוט נישט גענוג, ער פארדרייט אים דעם קאפ ער זאל פאסטן און טון סגיפים וכו' וכו'; פארשטייט זיך אז דער מענטש האט נישט קיין כח צו דעם, פאלט ער אראפ און ווערט זייער אפגעשוואכט, ער בלייבט ליגן אין בעט אן כח, ער קען נישט דאווענען און לערנען - אזוי האט ער געכאפט דעם מענטש.

דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן צו עסן צו דער זעט און שלאפן גענוג - וויפיל דער מענטש דארף; עס איז נישט שייך צו זאגן פאר א מענטש וויפיל שעה ער דארף שלאפן ווייל יעדער מענטש איז אנדערש. און אז מען איז אויסגערוהט קען מען דינען דעם אייבערשטן אזוי ווי עס דארף צו זיין.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט אסאך קומען אין ישיבה געבן דרשות פאר די בחורים; פלעגט ער שטענדיג זאגן פאר די בחורים זיי זאלן עסן אסאך. א בחור דארף עסן צו דער זעט און נישט זיין פארנומען מיט סיגופים, נאר דער עיקר זאל מען אויסנוצן די צייט ריכטיג.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען נחת פון אלע דיינע קינדער.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~